# די בריוו פֿון ש. אַנסקי צו חיים זשיטלאָווסקי פֿון ייִוואָ-אַרכיוו

אינעם רײַכן אַרכיוו פֿון חיים זשיטלאָווסקי (1865-1943) געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָל פֿון בריוו פֿון ש. אַנסקי (פּסעוודאָנים פֿון שלמה-זײַנוול ראַפּאָפּאָרט, 1863-1920), באַרימטן ייִדיש-רוסישן שרײַבער, עטנאָגראַף און פּאָליטישן טוער. זייער פֿרײַנטשאַפֿט האָט זיך געדויערט פֿון די קינדער-יאָרן ביז אַנסקיס טויט. פֿאַרשטייט זיך, נאָר איין טייל פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ, ד.ה. די בריוו פֿון אַנסקין, האָט זיך אָפּגעהיט אין זשיטלאָווסקיס פּאַפּירן, און דערווײַל איז גאָרניט באַוווּסט וועגן דעם אַנדערן טייל, זשיטלאָווסקיס בריוו צו אַנסקי. דאָ דרוקן מיר אָפּ אַכט בריוו פֿונעם ערשטן, "רוסישן", פּעריאָד פֿון אַנסקיס לעבן, ד.ה. בערך ביז 1900. די גײַסטיקע און אידעישע ביאָגראַפֿיע פֿון אַנסקין האָט אינטערעסירט ייִדישע געזעלשאַפֿט זינט זײַן טויט און ביז הײַנטיקן טאָג1). די בריוו, וועלכע ווערן אָפּגעדרוקט אינעם דאָזיקן באַנד, געבן צו נײַע דעטאַלן צו דעם בילד און אפֿשר בײַטן אים אין געוויסע פּרטים. אַנסקיס לעבן איז אין אַלגעמיין דאָקומענטירט ניט שלעכט, אָבער דער איינציקער מקור וועגן זײַן יוגנט זײַנען די זיכרונות פֿון זשיטלאָווסקי "שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט-אַנסקי" אינעם ערשטן באַנד פֿון זײַנע "זכרונות פֿון מײַן לעבן" (נ.י. 1935) און אַנדערע ידיעות אין זשיטלאָווסקיס זיכרונות (3 בענד).

אַנסקי האָט פֿאַרלאָזט זײַן געבורט-שטאָט וויטעבסק אין 1881 און געלעבט צוערשט אין ליאָזנאָ און דווינסק, דערנאָך אין דאָרעם-רוסלאַנד. ער האָט געאַרבעט ווי אַ רוסיש-לערער פֿאַר די ייִדישע קינדער, געוויסע צײַט האָט ער געאַרבעט אין שאַכטן. ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן אויף ייִדיש נאָך אין וויטעבסק, אָבער זײַן ערשטע פּובליקאַציע, דערציילונג "געשיכטע פֿון איין פֿאַמיליע", איז דערשינען אויף רוסיש אין זשורנאַל "וואָסכאָד" (נום. 9-12, 1884). סוף 1880-ער האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן וועגן דעם לעבן און דער שאַפֿונג פֿונעם רוסישן פֿאָלק. אין אָנהייב 1892 האָט אַנסקי געטראָפֿן זיך אין פּעטערבורג מיט באַרימטן רוסישן שרײַבער גלעב אוספּענסקי (1840-1904) און באַלד דערנאָך אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין פּאַריס, וווּ במשך פֿון 6 יאָרן (1894-1900) איז ער געווען דער סעקרעטאַר פֿון פּיאָטר לאַווראָוו (1823-1900), רוסישער פֿילאָזאָף און פּאָליטישער דענקער.

אַנסקיס לעבן פֿון דעם דאָזיקן פּעריאָד איז געווען אינגאַנצן אונטערגעאָרדנעט די פֿאָלקיסטישע אידעאַלן פֿון דינען דעם פֿאָלק מיט לײַב און נפֿש. דער עטישער עלעמענט איז געווען זייער שטאַרק אין אַנסקיס וועלטבאַנעם, און דער העכסטער קריטערי איז פֿאַר אים געווען דאָס לעבן פֿונעם פּשוטן פֿאָלק. די בריוו פֿון דעם פּעריאָד זײַנען ספּעציעל אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס זיי ווײַזן אַנסקיס אינערלעכע לעבן און אַנטוויקלונג. די ערשטע בריוו פֿון סוף 1880-ער האָבן דעם כאַראַקטער פֿון אַ ווידוי, אין וועלכן יונגער אַנסקי אַנטפּלעקט זײַן נשמה פֿאַר זײַן פֿרײַנט. די פּערזענלעכקײַט פֿון אַנסקי, וועלכע קומט אויף אין די דאָזיקע בריוו, איז ניט אידענטיש מיט אַנסקיס געשטאַלט פֿון זשיטלאָווסקיס זיכרונות. אַ וויכטיקער חלוק איז די באַציונג צו דער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק. פֿון די בריוו זעט מען, אַז אַנסקי האָט קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזט זײַן אינטערעס צו איר, ווי זשיטלאָווסקי באַהויפּט אין זײַן בוך. אַנסקי האָט זיך שטאַרק באַמיט צו פֿאַרעפֿנטלעכן ניט נאָר זײַן אייגענע ייִדישע דערציילונג, נאָר אויך זשיטלאָווסקיס לידער (דער בריוו פֿון 29.08.1889 וועגן דעם באַזוך בײַ שלום-עליכם) און איז געווען גרייט ווײַטער צו אַרבעטן אויף ייִדיש. די אמתע מניעה איז באַשטאַנען אין פֿעלן פֿון די מעגלעכקײַטן אָפּצודרוקן זײַנע זאַכן אויף ייִדיש.

די בריוו ווײַזן, ווי שטאַרק האָבן די אויסערלעכע אומשטאַנדן און אַנדערע מענטשן געווירקט אַנסקין. זײַנע ייִדישע אינטערעסן זײַנען ווערן שוואַכער בעת דעם פּאַריסער פּעריאָד, ווען ער האָט זיך געפֿונען אונטערן שטאַרקערן

אײַנפֿלוס פֿון פּיאָטר לאַווראָוו. לאַווראָווס מײנונגען און אָפּשאַצונגען פֿאַרנעמען דעם גרעסטן טײל פֿון אַנסקיס בריוו פֿון יענער צײַט. עס איז אָבער מערקווירדיק, אַז גלײַך נאָך לאַווראָווס טויט בײַט זיך דער טאָן און סטיל פֿון אַנסקיס בריוו און ווערט אויסגעשפּראָכן ייִדיש, ניט געקוקט אויף דעם אַכגעמײנעם אינהאַלט (דער לעצטער בריוו איז אונדזער פּובליקאַציע). זשיטלאָווסקי דערקלערט דעם דאָזיקן בײַט מיט דער ווירקונג פֿון דרײַפֿוס-ענין. אינגיכן האָט אַנסקי אָנגעהויבן צו שרײַבן אינגאַנצן אויף ייִדיש, אָבער די דאָזיקע בריוו געהערן שוין צו דער אַנדערער תקופה.

מיר האָבן אויסגעקליבן די בריוו פֿאַר דער דאָזיקער פּובליקאַציע אויפֿן סמך פֿון צוויי פּרינציפּן: 1) די בריוו, וועלכע שפּיגלען אָפּ וויכטיקע פּערזענלעכע אומשטאַנדן פֿון אַנסקיס לעבן, סײַ אויסערלעכע סײַ אינערלעכע; 2) די בריוו, וועלכע אַנטהאַלטן אַנסקיס באַציִונג צו דער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק אָדער זײַנען סטיליסטיש אינטערעסאַנט פֿון דעם שטאַנדפּונקט. אַ סך אַנדערע בריוו, וועלכע ווערן ניט פֿאַרעפֿנטלעכט דאָ, זײַנען ניט ווייניקער אינטערעסאַנט. זיי שפּיגלען אָפּ אַנסקיס פּאָליטישע, פֿילאָזאָפֿישע און קולטורעלע אינטערעסן און געהערן צו דעם קולטורעל-היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון דער רוסישער ראַדיקאַלער עמיגראַציע.

----------------

1) דער לעצטער אַרטיקל אויף דער דאָזיקער טעמע אַנטהאַלט פֿולע ביבליאָגראַפֿיע פֿון די פֿאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס פֿון אַנסקיס ביאָגראַפֿיע: David G. Roskies, S.Ansky and the Paradigm of Return. In: The Uses of Tradition. Jewish Community in the Moder Era. Ed. by Jack Wertheimer, JTSA, New York and Jerusalem, 1992, p.243-260.

[Письмо 1]

9 Ноября 1886 г. д[еревня] Голубовка.

Дорогой Ефим!

Ты, брат, очень умно сделал, что написал мне. Пусть уж будет конец этой мальчишеской "ссоре", из-за которой мы чуть не разошлись совсем. Ты пишешь, что когда приедешь в П-[етер]бург (sic) разорвешь те проклятые письма, - а мне нечего разрывать: я уже давно забыл и еще давнее простил. Жму крепко твою протянутую руку и станем опять друзьями, какими были. И ни слова больше о старых глупостях.

Прежде всего напиш тебе о себе: как я жил в последнее время, посл изгнания из Краснополья, тебе Самуил по всей вероятности рассказал: жил я очень плохо, без крова, пищи и одежды в буквальном смысле слов. Теперь мне [стр. 2] случилось довольно хорошее место в одной деревне: я учу 5 детей от 8 до 5 ч[асов], за что получаю 75 р[ублей] до Пасхи на всем (исключая табаку) готовом. Хозяин (резник) и жена его люди довольно порядочные: простые, трудящиеся и набожные безо всякого фа[на]тизма. Это первое поядочное семейство (после Шура), которое я встречаю между здешними евреями. Дети - премилые. Вообще, я вполне доволен этим местом.

Насчет мого писательства тебе С[амуил] Г[уревич] верно тоже кое-что сообщил. За последние 5-6 мес[яцев] я ничего беллетристического не написал. В "Русск[ие] Вед[омости]" я послал 3 июля "День" и еще два очерка ("Дождь" и "Земля"), но я не имею до сих пор ответа. Мне не так жаль, что ред[акция] не напечатает их, как то, что от последних 2 очерков у [стр. 3] меня не осталось экземпляров, а "Р[усские] В[едомости]" не возвращают рукописей. Все это последнее время я был занят чтением крестьянам и шахтерам... Во втором письме я напишу подробно обо всем этом.

Произведений, готовых для печати, у меня нет никаких, которых я бы мог посылать тебе. Если б ты мог достать покупателя на "Kabzonische Gesindel", было бы конечно хорошо. Но у меня нет чистого экземпляра, который я бы мог послать тебе. Но это не велика беда: покупатель ведь может прочесть ее в русском переводе, а переписать и переправить ее у меня не долго продолжится. Отчего ты не пишешь, сколько ты рассчитываешь пробыть в П[етер]бурге? - Но главное, что мне необходимо узнать от тебя, это вот [стр. 4] что: узнай ты, пожалуйста, как можно подробнее, какие документы и бумаги нужно иметь мне для того, чтобы я имел право жить в Петербурге. Пожалуйста, брат, узнай это в точности.

Напиши мне подробно о себе: как твои дела вообще и, в частности, зачем ты ехал в Пет[ербург], долго ли ты там пробудешь. Какое сочинение ты написал и думаешь печатать. Напиши также, интересуешься ли ты все еще по-старому судьбой евреев: об этом предмете я хотел поговорить с тобой и кое-что предложить тебе. Пиши, что нового в Витебске, какое впечатление произвел на тебя П[етербур]г. Черт побери! Хотелось бы и мне поехать туда.

Жду твоего ответа.

Любящий тебя по-старому, твой брат и друг Соломон. [стр. 5]

P.S. Не знаешь ли ты в Витебске такого человека, который согласился бы поехать учителем к Шуру. Заниматься с 4-мя детьми по 3-4 часа в день. Остальное время он будет совершенно свободен.

Стол - порядочный, комната - отличная и 4-5 р[ублей] в месяц. Дети, каких в Витебске не сыщешь. Для человека, которому нужно готовитья куда-нибудь и не имеющего материальных средств - это клад. Нигде нельзя так спокойно готовиться, как там. Во время каникулов этот учитель имеет хорошего репетитора, сына Шура, студента 2 курса мед[ицинского] фак[ультета]. Если ты знаешь подходящего (конечно, порядочного) человека, пожалуйста, напиши ему немедленно. Если нет на виду такого, напиши в Витебск к кому-нибудь, чтобы тот поискал такого [стр. 6] человека. Сообщи тому мой адрес. Ты не можешь себе представить, как меня мучает, что я оставил этих жаждущих учиться детей без учителя.

Нет ли у тебя кой-чего из последних произведений Л[ьва] Толстого ("В чем моя вера" "Исповедь" и пр[очие]) или каких-нибудь статей по поводу новых теорий Л[ьва] Т[олстого] или вообще о народной литературе. Если есть, пришли: мне необходимо нужно.

Твой Соломон.

Адрес: Ст[анция] Марьевка, Донецк[ой] дороги, в д[еревню] Голубовку, г[осподину] Алксандру Ивановичу Остроухову для И. Куперштоха, передать и т[ак] д[алее].

בריוו 1

דעם 9טן נאָוועמבער 1886, דאָרף גאָלובאָווקאַ

טײַערער יעפּים1)!

דו, ברודער, האָסט זייער קלוג געטאָן, וואָס דו האָסט מיר אָנגעשריבן. זאָל זײַן שוין דער סוף פֿון אָט דער קינדערשער קריגערײַ2), איבער וועלכער מיר זײַנען זיך שיער נט צעשידן לגמרי. דו שרײַבסט, אַז ווען דו וועסט אָנקומען אין פּעטערבורג, וועסטו צעררײַסן יענע פֿאַרשאָלטענע בריוו - און איך האָב גאָרנישט צו צערײַסן: איך האָב שוין לאַנג פֿאַרגעסן און נאָך פֿריער פֿאַרגעבן. איך דריק שטאַרק דײַן אויסגעשטרעקטע האַנט און לאָמיר ווערן ווידער פֿרײַנט, אַזוי ווי מיר זײַנען געווען. און קיין שום וואָרט מער וועגן אַלטע נאַרישקײַטן.

קודם כּל וויל איך דיר אָנשרײַבן וועגן זיך: ווי איך האָב געלעבט די לעצטע צײַט נאָכן אַרויסטרײַבן פֿון קראַסנאָפּאָליע3), האָט דיר מסתּמא שמואל4) שוין דערציילט. געלעבט האָב איך זייער שלעכט: אָן דאַך, שפּײַז און קלייד איך בוכשטעבלעכן זיך. איצט האָט מיר ז. 2 געטראָפֿן גאַנץ אַ גוטע שטעל אין אַ דאָרף: איך לערן 5 קינדער פֿון 8 ביז 5 אַ זייגער און באַקום דערפֿאַר 75 רובלן, ביז פּסח בין איך אויף אַכט קתסט (חוץ טאַבעק). דער בעל-הבית (אַ שוחט) און די בעל-הביתטע זײַנען גאַנץ אָרדנטלעכע מענטשן, פּשוטע, אַרבעטנדיקע און פֿרומע אָן קיין שום פֿאַנאַטיזם. דאָס איז די ערשטע אָרדנטלעך משפּחה (חוץ שורס), וואָס איך טרעף צווישן אָרטיקע ייִדן. די קינדער זײַנען ווונדערלעכע. בכּלל בין איך גאַנץ צופֿרידן מיט דער דאָזיקער שטעל.

וועגן מײַן שרײַבערײַ האָט דיר מסתּמא שמואל גורעוויטש אויך עפּעס מיטגעטיילט. פֿאַר די לעצטע 5-6 חדשים האָב איך קיין בעלעטריסטיק ניט אָנגעשריבן. איך "רוסקיע וועדאָמאָסטי" האָב איך דעם 3טן יולי אָפּגעשיקט "טאָג" און נאָך צוויי פֿאַרצײַכענונגען ("רעגן" און "ערד"), אָבער ביז איצט האָב איך קיין ענטפֿער ניט באַקומען. איך באַדויער ניט אַזוי שטאַרק דאָס, וואָס די רעדאַקציע וועט זיי ניט דרוקן, ווי דאָס, וואָס פֿון די לעצטע צוויי פֿאַרצײַכענונגען ז. 3 האָב איך קיינע עקזעמפּלאַרן מער, און די "רוסקיע וועדאָמאָסטי" גיבן ניט צוריק די כּתבֿ-ידן. די לעצטע צײַט בין איך געווען פֿאַרנומען מיט פֿאָרלייענען פֿאַר די פּויערים און קינדערגעבערס. אינעם צווייטן בריוו וועל איך וועגן אַלץ דעם פּרטמדיק אָנשרײַבן.

איך האָב קיינע גרייטע צו דרוק ווערק ניט, וועלכע איך וואָלט געקאָנט צושיקן דיר. אויב דו וואָלסט געקאָנט קריגן אַ קונה אויף "Kabzonische

Gesindel"5), עס וואָלט געווען ,פֿאַרשטייט זיך, גוט. נאָר איך האָב קיין איין ריין עקזעמפּלאַר, וועלכן איך וואָלט געקאָנט דיר שיקן. אָבער דאָס איז אַ קלײנער אומגליק: דער קונה קאָן עס איבערלייענען אין דער רוסישער איבערזעצונג, און איבערשרייבן און איבערמאַכן וועט בײַ מיר לאַנג ניט געדויערן. פֿאַרוואָס שרײַבסטו ניט, ווי לאַנג רעכענסטו צו פֿאַרבלײַבן אין פּעטערבורג? דער עיקר אָבער דאַרף איך זיך פֿון דיר אָט וואָס דערוויסן:

ז. 4 פֿרעג זיך ביטע אָן, ווי ווײַט מעגלעך פּרטימדיק, וועלכע פּאַפּירן און דאָקומענטן דאַרף איך האָבן, כדי צו מעגן וווינען אין פּעטערבורג. זײַ אַזוי גוט, ברודער, דערוויס זיך וועגן דעם גענוי.

שרײַב מיר אויספֿירלעך וועגן זיך: וואָס מאַכסטו בכלל און בפרט, צוליב וואָס ביסטו געקומען צו פֿאָרן אין פּעטערבורג און ווי לאַנג וועסטו דאָרט פֿאַרבלײַבן6)? וואָס פֿאַר אַ חבור האָסטו אָנגעשריבן און ווילט אָפּדרוקן. שרײַב מיר אויך אָן, צי ביסטו אַלץ ווי פֿריִער פֿאַראינטערעסירט מיט דעם גורל פֿון ייִדן: וועגן דעם דאָזיקן ענין האָב איך געוואָלט צו רעדן מיט דיר און עפּעס דיר פֿאָרצולעגן. שרײַב וואָס איז נײַעס אין וויטעבסק, וואָס פֿאַר אַ רושם האָט אויף דיר געמאַכט פּעטערבורג. צו אַל די שוואַרצע יאָר! עס ווילט זיך יר אויך צו פֿאָרן דאָרט.

כ וואַרט אויף דײַן ענטפֿער.

דיך ליבנדיקער ווי פֿריִער, דײַן ברודער און פֿרײַנט שלומה. ז. 5

P.S. צי קענסטו אין וויטעבסק אַזאַ מענטשן, וואָס ער וואָלט מסכים געווען צו פֿאָרן ווי אַ לערער צו שורן? מען דאַרף לערנען 4 קינדער צו 3-4 שעה אַ טאָג. די איבעריקע צײַט וועט ער זײַן אינגאַנצן פֿרײַ. דאָס עסן איז גאַנץ פֿײַן, דער צימער איז אַן אויסגעצייכנעטער, און מען קריגט 4-5 רובלען אַ חודש. אַזאַ קינדער וועסטו אין וויטעבסק ניט געפֿינען. פֿאַר אַ מענטשן, וועלכער דאַרף זיך צוגרייטן אין ערגעץ-ווו און האָט קיין מאַטעריעלע מיטלען איז דאָס אַן אוצר. איך ערגעץ ניט קאָן מען אַזוי רויִק זיך גרייטן ווי דאָרט. במשך פֿון די קאַניקולן קאָן דער לערער האָבן אַ גוטן רעפּעטיטאָר, שורס זון, דעם סטודענט פֿונעם 2טן קורס פֿונעם מעדיציניש פֿאַקולטעט. אויב דו קענסט אַ פּאַסיקן (פֿאַרשטייט זיך, אַן אָרנטלעכן) מענטשן, שרײַב אים ביטע אומגעזאַמט. אויב דו האָסט קיינעם ניט אין זינען, שרײַב עמעצן אין וויטעבסק, אַז ער זאָל אַ זוך טאָן אַזאַ ז. 6 מענטשן. טייל אים מיט מײַן אַדרעס. דו קאָנסט זיך ניט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי עס מוטשעט מיר דאָס, וואָס איך האָב געלאָזט אָן אַ לערער די דאָזיקע קינדער, וועלכע דורשטן נאָך לערנען.

צי האָסטו ניט עפּעס פֿון די לעצטע ווערק פֿון לעוו טאָלסטאָי ("אין וואָס איז מײַן אמונה", "ווידוי" און אַנדערע) אָדער וואָסערע-ניט-איז אַרטיקלען מכּוח נײַע טעאָריעס פֿון לעוו טאָלסטאָי צי בכּלל וועגן דער פֿאָלקס-ליטעראַטור. אויב דו האָסט, שיק צו: איך דאַרף עס דרינגלעך.

דײַן שלומה.

דער אַדרעס...

---

1) יעפֿים איז דער רוסישער במקום פֿאַר חיים, און שפּעטער האָט זשיטלאָווסקי באַשטאַנען, אַז מען זאָל אים רופֿן דווקא חיים (זיכרונות, ב. 2 ז. 117)

2) די סבה פֿונעם קאָנפֿליקט איז געווען זשיטלאָווסקיס בריוו צו אַנסקין, אין וועלכן ער האָט אויסגעלעגט זײַנע נײַע נאַציאָנאַליסטישע אידייען. אַנסקי האָט אין זײַן ענטפֿער (ניט אויפֿגעהיט פֿון זשיטלאָווסקין) באַשולדיקט אים אין שאָוויניזם און פֿאַראַט פֿון די פּראָגרעסיווע אידעאַלן (זיכרונות, ב.2, ז. 52)

3) וועגן דעם עפּיזאָד שרײַב זשיטלאָווסקי (אַנסקי, ז. 52-53). שפּעטער האָט אַנסקי געניצט דעם פּסעוודאָנים "קראַסנאָפּאָלסקי" פֿאַר זײַנע אַרטיקלען אין דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע.

4) שמואל גורעוויטש - וויטעבסקער פֿרײַנט פֿון אַנסקי און זשיטלאָווסקי, שפּעטער געוואָרן אַן אינזשענער און אַן אַקטיווער מיטגליד פֿון דער קאָנסטיטוציאָנאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. וועגן אים זע זשיטלאָווסקיס זכרונות, ב. 1, ז. 237 און ווײַטער.

5) װאַרשײַנלעך מײנט אַנסקי דעם ייִדישן טעקסט פֿון זײַן "געשיכטע פֿון אײן פֿאַמיליע", װאָס איז געװען אָפּגעדרוקט אינעם רוסיש-ייִדישן זשורנאַל "װאָסכאָד" אין 1884, נום. 9-12.

בריוו 2

דעם 16 יוני 1888

יעקאַטערינאָסלאַוו, צושטיי-פּונקט פֿון פֿײַנבערג

טײַערער ברודער! זעץ זיך אַוועק, לאָמיר כאַפּן אַ שמועס...

דײַן בריוו האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן אײַנדרוק. ס'איז שווער ניט מחמת איך מיין, אַז דו האָסט אַרײַנגעקראָכן אין וואַלד-טיפֿעניש (ווער זען ווײַטער, אַז איך מיין דאָס ניט), נאָר ווײַל דו אַליין באַציסט זיך צו דײַן זאַך עפּעס קרענקלעך-סקעפּטיש. לכל הפּחות אַזאַ אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער בריוו. דו רעדסט און פֿלומרשט קוקסט זיך אום אויף צוריק. אַזוי רעדן וועגן זײַן אייגענער זאַך קאָן נאָר אַ מענטש, וואָס ער אָדער נאַרט זיך אַליין, אָדער האָט געליטן פֿילע אַנטוישונגען און מפּלות. עס איז געווען אַ צײַט, ווען גאָטס וועלט האָט פֿאַר מיר אויסגעזען ווי אַ גן-עדן, פֿול מיט די עכטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן; איך האָב געהאַלטן, אַז אַן אינטעליגענטער ייִד טאָר נישט זיך אָפּגעבן נאָר מיט דעם ז. 2 הײַפֿל פֿון זײַן פֿאָלק, וואָס איז נענטער צו אים בלויז מחמת זײַן געבורט, און פֿאַרגעסן אָן די אַנדערע; איך האָב עס געהאַלטן פֿאַר אַ חטא, אַזוי ווי צו פֿאַרגעסן אָן די אַלע מענטשן צוליב דער אייגענער משפּחה. אמת, מען דאַרף אָן דער משפּחה אויך ניט פֿאַרגעסן (אַן אַנדערער וועט זי ניט אָנהאָדעווען), אָבער דו ווערסט אַוועקגעבן דער משפּחה, ווי דו זאָלסט אָן איר ניט פֿאַרגעסן, ווילנדיק ניט-ווילנדיק דעם גרעסטן טייל פֿון דײַן מי און לעבן. אָבער איצט, ווען "די וועלט האָט אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אירע סודות" און איך האָב געזען, אַז עס זײַנען דאָ זייער, זייער ווייניק מענטשן, וועלכע זײַנען פֿעיק צו לעבן ניט בלויז צוליב זייער בויך, און בפֿרט זײַנען פֿעיק זיך אָפּגעבן אַ גוטער זאַכ; און דערצו זײַנען די דאָזיקע מענטשן צעשפּליטערט, צעוואָרפֿן, פּריטשמיעלעט, אָרעם, דערמוטשעט און ווייסן אַליין ניט, אויף וועלכן ניט-אָנגערירטן עק זיך צו וואַרפֿן – איז איצט האָב איך אויפֿגעהערט צו קוקן אויף אַ מענטשן, וועלכער, כאָטש ער גייט מיט מיר ניט ז. 3 האַנט בײַ האַנט, נאָר טוט אַ גוטע זאַך, ווי אויף אַ שונא אָדער לפּחות אויף אַ שוטה, וועלכער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, ווו דער "צענטער" איז. נאָר אַזוי: טוט אַ מענטש וואָסערע-ניט-איז גוטע זאַך – איז האָב אים ליב און ווינטש אים הצלחה און קוק ניט אַרײַן ווײַט אין דער געשיכטע, וואָס עס וועט ווערן מיט דער דאָזיקער גוטער זאַך אין הונדערטן טויזנט יאָר אַרום.

מיר דאַכט זיך, אַז דו האַלטסט מיך פֿאַר אַ סך גרעסערן קאָסמאָפּאָליט ווי איך בין באמת. איך האָב אַ סך קעצישע, מיט די אַנדערע ווערטער פּאַטריאָטישע, געפֿיל. ניט איין און ניט צוויי מאָל האָט מיך געהרייזשעט דער נאַציאָנאַלער וואָרם, און אַזוי געהריזשעט, אַז איך בין געווען זייער ניט גליקלעך. אָבער אַלע אַזעלכע צופֿאַלן פֿלעגן זיך ענדיקן מיט גאָרנישט. דער עיקר איז, וואָס איך האָב ניט געפֿונען דעם פּאַסיקן באָדן פֿאַר דער טעטיקייט אינעם ייִדישן לעבן. פֿאַר דיר ז. 4 איז דאָס גאָרנישט, דו קאָנסט לעבן, דענקן און פֿילן מער-ווייניקער אַבסטראַקט, קאָנסט געפֿינען אין די באַגריפֿן נאַציאָנאַליטעט, אויפֿלעבונג און אַנדערע עפּעס קלאָר, לעבעדיק, וואָס וואָלט זיך צוגעשטויסן צו דער טעטיקייט, וואָס וואָלט פֿאַרדעקט פֿאַר דיר דעם גאַנצן ים שמוץ און גרונטלאָזיקייט, פֿון וואַנען די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעט און אויפֿלעבונג דאַרפֿן אַרויסשפּרינגען. און דו קאָנסט אַרבעטן. אָבער איך קאָן ניט אַזוי. דאָס אַלץ איז פֿאַר מיר כאָטש פֿאַרשטענדלעך, אָבער טויט: איך דאַרף האָבן דעם באָדן, אויף וועלכן מײַן יעדער טראָט וואָלט זיך אָפּגעדרוקט, איך דאַרף האָבן אַ זאַך, איבער וועלכער איך אַרבעט, ניט ווײַטער ווי אויף צוויי-דרײַ טריט ווײַט פֿון זיך, און ניט אין דער ווײַטערער צוקונפֿט. אָבער צו האָבן דאָס ייִדישע לעבן אַזוי נאָענט צו זיך אויף צו אַרבעטן איבער אים – דאָס קאָן איך ניט און וועל קיינמאָל ניט קאָנען. עס איז ז. 5 מיר שווער צו דערמאָנען זיך אָן דעם דאָזיקן לעבן, שוין אָפּגערעדט פֿון אַרײַנצוטאָן זיך אין איר אין גאַנצן, ווי עס פֿאָדערט די אַרבעט. און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן רוסישן דאָרף, וועלכן איך האָב זיך שוין האַלב אָפּגעגעבן און האָף באַלד זיך אָפּגעבן אין גאַנצן1). דאָ פֿיל איך זיך גוט: דאָס פֿאָלק

איז מיר סימפּאַטיש מיט זײַן פּשוטן אַרבעטסלעבן, מיט זײַן נאַיִוקײַט, אָרנעמקײַט, אמתדיקײַט, אָפּװעזנהײַט פֿון קאַרגשאַפֿט א.אַ.וו. דאָ וועל <u>איך</u> גענפֿינען פֿאַר זיך די אַרבעט. אָבער <u>דו</u> קאָנסט אַרבעטן לטובֿת דעם אייגענעם יידישן פֿאָלק, דיר געפֿעלט די דאָזיקע אַרבעט - זאָלסטו האָבן אַ ברכה אויף דער דאָזיקער גוטער זאַך. איך ווינטש דיר הצלחה, און באַזונדערס זאָלסטו האָבן אַ הייסן, פֿלאַמיקן גלויבן אין דײַן זאַך. איך פֿאַרבלײַב ווי פֿריער דײַן דיר איבערגעגעבענער ברידער.

נאָך אַ פּאָר ווערטער מכּוח דײַן אויסדרוק וועגן די פֿאַרלוירענע ייִדישע כּוחות. איך בין מסכּים, אַז דער ייִדישער נאַראָדניק קאָן באַדויערן די "שליימע זײַוועלס", וועלכע ז. 6. וואָלטן אונטער אַנדערע באַדינגונגען און בײַ דעם זעלבשטענדיקן ייִדישן לעבן פֿאַרבליבן בײַ דער ייִדישקײַט, אָבער צו באַדויערן לאַסאַלן, מאַרקסן, בערנע האָט, דאַכט זיך, קיין זינען ניט. צי האָבן די דאָזיקע מענטשן געקאָנט פֿאַרבלײַבן בײַ דער ייִדישקײַט, ניט פֿאַרלירנדיק דעם גרעסטן טייל פֿון זייער גדולה? זיי זײַנען רומפֿול דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען אַלמענטשן. און ס'איז נאָך אַ פֿראַגע: וואָלטן די דאָזיקע מענטשן געקאָנט געבוירן ווערן אין אַ קליינעם אַזיאַטישן פֿירשטנטום? דו, דאַכט זיך, האַלטסט זיי בלויז פֿאַר די ייִדן, און פֿאַרגעסט, אַז אפֿשר האָבן זיי זייער געניאַלקײַט דערגרייכט און ניט באַקומען ווי אַ מתּנה פֿון הימל אין מוטערס שויס; און דערצו האָבן זיי זי דערגרייכט אויף דעם באָדן, וועלכער איז ווײַט פֿון דער ייִדישקײַט. אויף וויפֿל איך ווייס, האָט קיין קליינע זעלבשטענדיקע מלוכה ניט אַרויסגעבראַכט זשעניען, וועלכע וואָלטן פֿאַרבליבן צוגעקלעפּט צו דער דאָזיקער מלוכה. קריסטוס איז ניט אַרײַן אין די שמאָלע פּאַלעסטינישע ראַמען, און מען האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן. ז. 7. אַזוי אַרום, וואָלטן פֿון דײַנע גרויסע מענטשן אַרויסגעגאַנגען בײַ דעם זעלבשטענדיקן ייִדישן לעבן אָדער דיזעלביקע אַלמענטשן, אָדער לאַסאַל וואָלט פֿאַוואַנדלט זיך אין ביסמאַרקן, בערנע אין סטאַמבולאָוון, הײַנע אין דערולעדן 2) א.אַ.וו. מיר דאַכט זיך אויך, אַז די ייִדישע נאַציע גיט אַזוי פֿיל גרויסע מענטשן דווקא דערפֿאַר, וואָס זי איז צעשפּרייט איבער אַלע לענדער און לײַדט אַ סך; זי דערמאָנט מיר אין דעם פּרט אָן דעם בלינד געמאַכטן סאָלאָוויי, וועלכער זינגט מער קלינגעוודיק. אָבער דאָס אַלץ איז נאַרישקײַט. זײַ געזונט און זאָל לעבן די איינהײַטלעכע און ניט-טיילעוודיקע מענטשהײַט, וועלכער דו איינציײַטיק אי אייגעלעך וואַרפֿסט, אי אַ פּיסל אונטערשטעלסט. מיט דעם דאָזיקן אויסרוף פֿאַרענדיק איך דעם "אָפֿיציעלן טייל". ז. 8.

איצט גיי איך אַריבער צו דעם ניט-אָפֿיציעלן טייל. רײַסן דיר בײַ די אויערן און בפֿרט נאָך שלאָגן דיך אין די באַקן וועל איך ניט פּשוט דערפֿאַר, וואָס דו אַליין האָסט מיר דאָס דערלויבט, און צו שלאָגן מיט אַ דערלויבעניש איז פּונקט אַזוי נאַריש ווי צו ליבן מיט אַ דערלויבעניש - נאָר צו בורטשען, צו וואָרטשען, צו קיצלען מײַן גאַל - אָ-אָ, דאָס טו איך מיט פֿאַרגעניגן.

אָבער קודם כּל וועל איך דיר מיטטיילן איין נײַס, וואָס וועט דיר זיכער פֿאַרשאַפֿן פֿיל פֿאַרגעניגן, זייער פֿיל; דוסט זיך דערמאָנען אָן אונדזערע יונגע יאָרן און אַלץ דאָס, אָן וואָס איך קאָן זיך ניט דערמאָנען אָן צערטלעכער גערירקײַט.

איך האָב דיר, דאַכט זיך, געשריבן, אַז דער "סעווערני וועסטניק" 5) האָט מיר אומגעקערט די כּתבֿ-ידן פֿון "דאָס שאַכטיאָרישע לעבן" און "אויף אוראַל". איך האָב אַבסאָלוט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מאָט זיי, ספּעציעל מיט דעם ערשטן. איבערצולאָזן אים סתּם אַזוי האָט מיר געטאָן וויי, צו שיקן אין אַן אַנדערער רעדאַקציע האָט ניט געהאַט קיין זינען, ז. 9. וויבאַלד דער "סעווערני וועסטניק" האָט זיי ניט אָנגענומען און אַפֿילו ניט מיטגעטיילט די סבּה פֿאַרוואָס. און איך האָב צוגעטראַכט אָט וואָס: לאָמיך שענקען דעם כּתבֿ-יד גלעב אוספּענסקין, זאָל ער טאָן מיט אים, וואָס ער וויל. איך האָב אים אָנגעשריבן און באַקומען אַן ענטפֿער, אַז ער וועט מיט אומגעדולד וואַרטן אויף דעם פּאַקעט 4). איך האָב אים אָפּגעשיקט "דאָס שאַכטיאָרישע לעבן" און דערמיט אויך דרײַ סצענעס "אין שענק" און "אויף אוראַל". אין אַ ווײַלע אַרום

האָב איך געקראָגן פֿון אים אַן ענטפֿער, אַז ער האָט לאַנג ניט געהאַט געווען אין פּעטערבורג, איז נאָרוואָס אָנגעקומען, האָט קוים באַוויזן איבערצולייענען די סצענעס און "אויף אוראַל", און שרײַבט וועגן זיי. שרײַבט ער: "איך האָב זיי געפֿונען פֿאַר לחלוטין שיינע, קלוגע, זאַכלעכע און גערעכטע"; און ווײַטער: "אַלע סצענעס זײַנען גוט, פּשוט פּלעפֿנדיק."5) ער שרײַבט דאָס פֿון דער סטאַנציע טשודאָוואָ אויפֿן וועג פֿון פּעטערבורג קיין מאָסקווע, און זאָגט צו צו פֿאַרעפֿנטלעכן די פֿאַרצייכענונג "אויף אוראַל" אינעם זשורנאַל "רוסקאַיאַ מיסל" אָדער איצט אָדער אין די האַרבסטיקע נומערן6). ז. 10 ער זאָגט צו אָנצושרײַבן פֿון מאָסקווע מער פּרטמדיק און עצהט ניט צו האָבן קיין מורא. ער פֿאַרענדיקט דעם בריוו מיט די ווערטער: "איר שרײַבט גוט, קלוג, אַזוי דאַרף מען שרײַבן."

וואָס וועסטו זאָגן דעראויף, טײַערער ברידער, עס איז דאָך אַן איבערקערעניש אין מײַן לעבן! איך וויל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין ליריזם, ווײַל די אַרומיקע שוועריקײַטן האָבן שוין אַזוי באַשווערט די נשמה, אַז אַפֿילו דער דאָזיקער בריוו פֿרייט מיך ניט און דערקוויקט ניט (איך האָב אים באַקומען דעם 29טן מײַ), און סתם אַרויסצורופֿן עפּעס אָן אַן אמתן געפֿיל וואָלט געווען אַ נאַרישקײַט. אָבער איך ווייס, אַז דו וועסט פֿאַרשטיין אָן אַרויסרופֿן און וועסט פֿרייען זיך צוזאַמען מיט מיר, דעם מענטשן, וועלכן דו דער ערשטער האָסט געבראַכט דאָס זאַכלעכע בוך ("פֿאַרשמוצטע וועגן"), וועמעס יוגנט דו האָסט אָנגעפֿילט מיט אַזוי פֿילע ווונדערלעכע אומפֿאַרגעסלעכע מאָמענטן, וועלכן דו האָסט אַרויסגעפֿירט אויפֿן וועג פֿונעם שענקישן שמוץ. חיים, צי זאָל איך דיך ניט ליב האָבן, צי זאָל איך ניט ווינטשן זיך צונויפֿגיסן מיט דיר אין ז. 11 איין נשמה! לאַנגע צײַט ביסטו געווען פֿאַר מיר אַלץ – דו האָסט מיר פֿאַרביטן משפּחה, גאָט, לעבן, פֿרוי, און נאָך איצט דו פֿאַרבלײַבסט און וועסט פֿאַרבלײַבן פֿאַר מיר דער נענסטער מענטש אין דער וועלט. צי איך זאָל דיך ניט ליב האָבן. דערפֿאַר דווקא בין איך אַזוי פֿילעוודיק צו יעדער דײַנער באַליידיקונג פֿון מיר.

און דאָך וועל איך דיך מוסרן. ניט דערפֿאַר, וואָס דו האָסט לאַנג ניט געשריבן – אַזאַ איז דײַן נאַטור, נאָר דערפֿאַר, וואָס דו האָסט ווייניק מיטפֿילעוודיקײַט און איידעלקײַט צו מיר. צי האָסטו פֿאַרשטאַנען, צי האָסטו געוווּסט, ווי איך האָב געוואַרט אויף דײַנע ענטפֿערס אויף מײַנע לעצטע בריוו? נײַן? אָט דאָס טאַקע איז דאָס אויספֿעלן פֿון מיטפֿילעוודיקײַט. איך געפֿין זיך איצטער אין די שרעקלעכע אומשטאַנדן, וועלכע ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ שרעקלעכער, און איך זע פֿאָרויס קיין אויסוועג פֿון זיי. איך האָב זיך געוואָרפֿן אין אַלע זײַטן, ז. 12 אָבער ניט געקענט געפֿינען קיין אויסוועג. דאַכט זיך, די סאַמע פּשוטע זאַך איז געווען צו ווענדן זיך צו דיר. אָבער דווקא דאָס האָב איך ניט געקאָנט: צו ווייניק ברידערשאַפֿט האָב איך געזען אין דײַנע בריוו, אַז איך זאָל האָבן געקאָנט צו אַנטפּלעקן פֿאַר דיר אַלץ, וואָס איז געלעגן אויף דער נשמה. איך האָב געוואָלט דיר אָפּגעבן די "געשיכטע פֿון דער פֿאַמיליע" ווי דעם ברודער, ניט ווי דעם ביכער-פֿאַרקויפֿער, נאָר דו האָסט מיר גאָרניט געענטפֿערט אויף מײַנע פֿראַגעס וועגן דײַן פֿאַרלעגערישער טעטיקײַט. הקיצור, האָב איך געזען און געפֿילט אין דײַנע בריוו עפּעס גאַווהדיקס, קאַלטס, בטולדיקס. איך וואָלט געשריבן מער וועגן דעם – אָבער פּאַפּיר גייט אויס, און מער ווי איין מאַרקע האָב איך ניט. – הער זיך אײַן נאָך אָט וואָס: אויב דו ווילסט, וועל איך דיר גלײַך צושיקן די "געשיכטע פֿון דער פֿאַמיליע" אַזוי ווי עס איז, און טו מיט איר, וואָס דו ווילסט. מיר האָט געזאָגט פּאָלאָטאָווסקי, אַז דו האָסט אים געגעבן אויף צו איבערזעצן סאָקראַטן. איך איבערזעץ איצט די "שמועסן וועגן נאַטור" פֿון זאָבאָוו7) און, ווען דו ווילסט, וועל איך דיר אַרויסשיקן די איבערזעצונג. איך וועל איבערזעצן אַלץ, וואָס דײַן האַרץ גלוסט, קריג מיר נאָר 40-130 רובלן און שיק זיי צו ביזן 15 יולי. דו וועסט מיך ראַטעווען. קיין אַנדער אויסוועג זע איך ניט. איך וועל דיר אָוועקגעבן פֿאַרן געלט אַלץ, וואָס דו ווילסט. כלעבן, טײַערער – אַ שרעק, ווי כ'דאַרף דאָס געלט, אָן דעם וועל איך זיך ניט אַרויסרײַסן פֿון דער גרוב.

איצט האָף איך, אַז דו וועסט מיר ענטפֿערן תּכף, אַנדערש, שווער איך דיר, וועסטו מיר פֿאַרסמען די נשמה מיט נײַע און שטאַרקערע געדאַנקען וועגן דײַן גאווה. ענטפֿער תּכף ומיד...

---

1) אַ רמז אויף דער מעגלעכקייט פֿון טויפֿן זיך (זע זשיטלאָווסקי, "אַנסקי", ז. 93-90).
2) סטעפֿאַן סטאַמבולאָוו (1895-1854) איז געווען דער בולגאַרישער פּאָליטיקער, וועמעס רעגירונג האָט מען כאַראַקטעריזירט ווי אַ דעספּאָטישע.
פּאָל דערולעד (Paul Déroulède, 1846-1914) - פֿראַנצויזישער פּאָעט און פּאָליטיקער פֿון דערשאָוויניסטיש-פּאַטריאָטישער אָריענטאַציע.
3) "Северный вестник" איז געווען אין די דאָזיקע יאָרן אַ פּאָפּולערער זשורנאַל פֿון דער פֿאָלקיסטיש-דעמאָקראַטישער אָריענטאַציע, געגרינדעט געוואָרן אין 1885
4) די בריוו פֿון אַנסקי צו גלעב אוספּענסקי געפֿינען זיך אינעם אַרכיוו פֿון דעם אינסטיטוט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור (פּושקין הויז) אין פּעטערבורגט. פֿראַגמענטן פֿון זיי און אוספּענסקיס בריוו צו אַנסקי
(ראַפּאָפּאָרט) זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין אוספּענסקיס געזאַמלטע ווערק: Г.И.
Успенский, Полное собрание сочинений, т. 14б Издательство АН
Н.В. Алексеева, "Г.И. Успенский, :און אינעם אַרטיקל СССР, 1954
русская народная песня и ее собиратели", Ученые записки ЛГУ, стр.
208-223. אוספּענסקי האָט געניצט דעם פֿאָלקלאָרישן מאַטעריאַל פֿון אַנסקיס אַרבעט "דאָס קאַטערישע לעבן" אין זײַן אַרטיקל "נײַע פֿאָלקס-פֿערזלעך"
("Новые народные стишки", Сочинения, т. 3, 1891) וווּ ער פֿאַרופֿט זיך אויף ס.ווידבין (פּסעוודאָנים פֿון ראַפּאָפּאָרט-אַנסקי).
5) אוספּענסקי, געזאַמלטע ווערק, ב. 14, ז. 133-132
6) "אין שענק" איז דערשינען אונטער דעם טיטל "קאַצן-יאָמער" ("Похмелье") נאָר אין 1892, אין זשורנאַל "רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" נום. 3; "אויף אוראַל" איז אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל "טרוד", 1890, נום. 2,1 אונטער דעם טיטל "אויף נייע ערד" ("На новые земли")
7) אַ פּאָפּולער בוך פֿאַר דאָפֿישן לייענער פֿון וואַלדזיכטער ניקאָלײַ זאָבאָוו (1873-1822).

Письмо 3

1 июля 1888 г[ода] Екатер[инослав]

Дорогой брат!

Я долго смотрел на твою карточку и, поверишь ли, у меня болезненно сжалось сердце, сжалось до слез, и мне припомнилось одно твое двустишие: Что-то сердце до боли, до боли щемит, и плкать хочется мне от волнения." Распространяться по этому поводу считаю лишним: я полагаю, что ты сам понимаешь, почему собственно сжалось сердце. Знаешь: воспоминание... как было... теперь... что? как?... И все так туманно, запутанно, столько оторванно от прежнего... сколько пережито и выстрадано. А изможденное болезнен[стр. 2]ное лице..." Вот этими отвлеченными словами могу лишь определить тебе свое душевное состояние. Но повторяю, ты меня понимаешь.

Вообще же твое письмо произвело на меня в некотором роде успокоительное действие. Успокоительное в том смысле, что я тебя начинаю понимать. "Гол как сокол" - прекрасно; "близок к идеалу 'мыслящего пролетариата' - еще прекраснее. Прекрасно и прекраснее это все в том смысле, что это логично и не заставляет меня теряться в догадках. Кроме этой логичности в этом ко[стр. 3]нечно ничего не только прекрасного но и просто "красного" нет, как я когда соединял вместе красный цвет убеждений с пустотой желудка.

Представь, ведь я из твоего еврейского письма совершенно не понял зачем и почему ты уехал из России. Теперь только прочитав в твоем письме крайне неприятно прозвучавшее слово "<u>никогда</u>" я только начинаю догадываться, что "сила обстоятельств" зставила тебя покинуть родину на неопределенный срок... Неужели это так?

[стр. 4] Послушай, брат, у меня к тебе "большая" просьба. Возьми ты, ради бога, и засядь на вечер и напиши мне подробнейшим образом о себе. После такого длинного и подробного письма можешь себе хоть полгода не писать, но это письмо напиши. Ведь ты, кажется, уже знаешь, что ты мне очень дорог, и что такого друга т не имел и никогда не будешь иметь. Неужели тебе это тяжело будет сделать? Но ты пойми хорошо, что я прошу: расскажи мне твою жизнь и с фактической и главное с духовной [стр. 5] ее стороны. Расскажи, хоть раз, все как есть, как можно рассказать самому ближайшему человеку, безо всяких утаек, без рефлексий, без церемоний. Тогда, наконец, я увижу тебя во всем твоем объеме, тогда я узнаю насколько ты мне сроден не по одним только старым воспоминаниям и симпатиям, тогда я думаю определить и установить наши отношения. А пока блуждаю, как в лесу. Надеюсь ты мне не откажешь. Тогда я отплачу тебе тою же монетою и вдобавок постараюсь прислать [стр. 6] тебе свое изображение.

Новостей литературных решительно нечего сообщать (Мих[айловский] при тебе еще конечно отказался от сотруднич[ества] в "С[еверном] В[естнике]"). Усп[енский] тоже перестал там печататься. Новые книжки журнала бесцветнее бесцветного. Прочел хорошенькую вещицу Мачтета - "Жид". В последней (6-й) кн[ижке] "В[естника] Е[вропы]" напечатана статья о шахтерах той же местности, которых и я описал. Еще не читал. Из газетных новостей могу тебе сообщить (впрочем, живя в Берлине ты по всей вероятности уже и сам это знаешь), что Фридрих скончался и на престол вступил Вильгельм II, как говорят не особенно симпатичная Wurstfresser.

И так - жду. Так и запиши и запомни. Твой брат Соломон.

בריוו 3

דעם 1טן יולי 1888 יעקאַטערינאָסלאַוו

טײַערער ברידער!

איך האָב לאַנג געקוקט אויף דײַן קאַרטל און, גלויב מיר, ס'האָט מיר קרענקלעך פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ, פֿאַרקלעמט ביז טרערן אין די אויגן, און עס האָט זיך דערמאָנט אײנער פֿון דײַנע צווײפֿערזן: "ס'רײַסט בײַם האַרצן עפּעס ביז ווייטיק, ביז ווייטיק, און ס'ווילט זיך מיר ווײנען מחמת אויפֿרעגונג." מאַריך צו זײַן וועגן דעם האַלט איך פֿאַר איבעריקס: איך מײן, אַז דו אַלײן פֿאַרשטײסט, פֿאַרוואָס ס'האָט זיך פֿאַרקלעמט דאָס האַרז. דו ווײסט: זכרונות... ווי ס'איז געווען... איצט... וואָס? ווי?... און אַלץ איז אַזוי מעטושטעש, פֿאַרפּלאָנטערט, אַזוי פֿיל איז אָפּגעריסן פֿון אַמאָל... אַזוי פֿיל איז איבערגעלעבט און איבערגעליטן. און דער אויסגעמאַטערטער קרענקלעכער ז. 2 פּנים... בלויז מיט די דאָזיקע אַבסטראַקטע ווערטער קאָן איך באַשרײַבן פֿאַר דיר מײַן גײַסטיקן צושטאַנד. אָבער, זאָג איך נאָך אַ מאָל, דו פֿאַרשטײסט מיך.

בכלל האָט אויף מיר דײַן בריוו געמאַכט אין געוויסן זין אַ באַרויקנדיקע ווירקונג. אַ באַרויקנדיקע אין דעם פּרט, וואָס איך הײב אָן דיך צו פֿאַרשטײן. "אַ קבצן איז זיבן פּאָלעס" - עס איז שײן; "נאָענט צו דעם אידעאַל פֿונעם 'דענקנדיקן פּראָלעטאַריאַט'" - ס'איז נאָך שענער. שײן און שענער איז דאָס אַלץ אין דעם זין, וואָס עס איז לאָגיש און צווינגט מיך ניט צו פֿאַרלירן זיך אין השערות. חוץ דער לאָגישקײַט איז אין דעם, פֿאַרשטײט ז. 3 זיך, ניט נאָר קײן שײנס, נאָר אַפֿילו קײן "רויטס" ניטאָ, אַזוי ווי ווען איך האָב פֿאַרײניקט די רויטע פֿאַרב פֿון די איבערצײַגונגען מיט דער פּוסטקײַט פֿונעם מאָגן.

שטעל זיך פֿאָר, איך האָב פֿון דײַן ײִדישן בריוו גאָרניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס און צוליב וואָס ביסטו אַוועקגעפֿאָרן פֿון רוסלאַנד. נאָר איצט, נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלײענט אין דײַן בריוו דאָס וואָרט "קײנמאָל", וואָס קלינגט זײער פּריקרע, הײב איך אָן זיך משער צו זײַן, אַז דער "כּוח פֿון די אומשטאַנדן" האָט דיך געצווונגען צו פֿאַרלאָזן דאָס פֿאָטערלאַנד אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין... ניט שוין זשע איז דאָס אמת?1)

ז. 4 הער זיך אײַן, ברודער, איך האָב צו דיר אַ "גרויסע" בקשה. נעם און זעץ זיך אַוועק, אום גאָטס ווילן, אויף אַן אָוונט, און שרײַב מיר פּרטמדיק וועגן זיך. נאָך אַזאַ לאַנגן און פּרטמדיקן בריוו קאָנסטו זיך אַפֿילו אַ האַלב יאָר גאָרניט שרײַבן, נאָר אָט דעם בריוו שרײַב. דו ווײסט דאָך שוין, דאַכט זיך, אַז דו ביסט מיר זײער טײַער, און אַז אַזאַ גוטן פֿרײַנט האָסטו ניט געהאַט און וועסט קײנמאָל ניט האָבן. שוין זשע איז דאָס פֿאַר דיר שווער צו טאָן? נאָר דו דאַרפֿסט גוט פֿאַרשטײן, וואָס איך בעט: דערצײל מיר דײַן לעבן אי פֿון דער פֿאַקטישער אי, דער עיקר, פֿון דער גײַסטיקער ז. 5 זײַט. דערצײל, כאָטש אײן מאָל, אַלץ ווי ס'איז, ווי מען קאָן עס דערצײלן נאָר דעם סאַמע נאָענטסטן מענטשן, אָן קײן שום פֿאַרשווײַגן, אָן קײן רעפֿלעקסיעס, אָן צערעמאָניעס. דעמלט, ענדלעך, וועל איך דיר זען אין דײַן פֿולן פֿאַרנעם, דעמלט וועל איך דערקענען, אויף וויפֿל ביסטו מיר נאָענט ניט נאָר בלויז לויט אַלטע זכרונות און סימפּאַטיעס, און דעמלט טראַכט איך צו באַשטימען און אויפֿשטעלן אונדזערע באַציונגען. דערווײַל אָבער בלאָנדזשע איך ווי אין וואַלד. איך האָף, אַז דו וועסט מיר ניט אָפּזאָגן. דעמלט וועל איך דיר אָפּצאָלן מיט דער אײגענער מטבע, און דערצו וועל איך זיך באַמיען צוצושיקן ז. 6 דיר מײַן בילד.

פֿון די ליטעראַרישע נײַעס איז ניטאָ וואָס מיטצוטײלן (מיכאַילאָווסקי האָט נאָך ווען דו ביסט דאָ געווען זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן אינעם "סעווערני וויעסטניק"2)). אוספּענסקי האָט אויך אויפֿגעהערט זיך צו דרוקן דאָרט. נײַע נומערן פֿונעם זשורנאַל זײַנען פֿאַרבלאָזן ביז גאָר. איך האָב איבערגעלײענט אַ שײן זאַכל פֿון מאַטשטעט - "זשיד"3). אינעם לעצטן (6טן) נומער פֿון "וועסטניק יעוורָאָפּי" איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן די

שאַכטיאָרן פֿון דערזעלבער געגנט, וואָס איך האָב באַשריבן4). איך האָב עס נאָך ניט געלייענט. פֿון די צײַטונג-נײַעס קאָן איך דיר מיטטיילען (אייגנטלעך, לעבעדיק איך בערליך, ווייסטו דאָס מסקמא שוין אַליין), אַז פֿרידריך איז געשטאָרבן און אויפֿן טראָן איז אַרויף ווילגעלם דער 2-ער, ווי מען זאָגט, ניט זייער אַ סימפּאַטישער Wursfresser.

איז - וואַרט איך. אַזוי פֿאַרשרײַב און פֿאַרגעדענק. דײַן ברודער שלמה.

-----------------------

1) זשיטלאָווסקי האָט געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד אין 1888 צוליב דער פּעפּאַר פֿונעם מעגלעכן אַרעסט. (זיכרונות פֿון מײַן לעבן, ב.3,ז.145, נ.י. 1940).

2) דער פּאָפּולערער פּובליציסט ניקאָלײַ מיכאַילאָווסקי איז אַוועקגעגאַנגען פֿונעם זשורנאַל אין 1888 צוליב דעם קאָנפֿליקט מיט דער פֿאַרלעגעריך, אַ. יעווריינאָוואַ.

3) אין דער דערציילונג "זשיד" פֿונעם רוסיש-אוקראַיִנישן שרײַבער גריגאָרי מאַטשטעט איז פֿאָרגעשטעלט אַן אידעאַלער געשטאַלט פֿונעם ייִדישן דאָקטאָר, וועלכער איז אַנטקעגנגעשטעלט די פּאָגראָמשטיקעס. די דערצײַלונג האָט געהאַט צווייאויפֿלאַגעס, אין אָדעס אין 1887 און אין מאָסקווע אין 1888, און האָט אַרויסגערופֿן אַ הייסע פּאָלעמיק אין דער רוסישער פּרעסע.

4) אַרטיקל פֿון ס. רוסאָוון (פּסעוודאָנים פֿון ס. שוועצאָוון) "דאָנעצקער קוילנגרעבער" אינעם זשורנאַל "וועסטניק יעווראָפּי", נום. 6, 1888, ז. 492-551; אוספּענסקי שרײַבט וועגן דעם אַרטיקל אַנסקין אין זײַן בריוו פֿון 26טן סעפּטעמבער 1888 (אוספּענסקי, געזאַמלטע ווערק, ב. 14, ז. 180)

[Письмо 4]

Киев, 29-го авг[уста] [18]89 г[ода]

Дорогие мои!

Я только что пришел домой от С[оломона] Раб[иновича] и спешу написать вам. Но теперь 11 часов ночи, я утомлен до крайних пределов (две ночи не спал и исходил верст 20), поэтому буду краток.

Я сегодня приехал сюда и был 2 раза у С[оломона] Р[абиновича] и оба раза провел у него по часу. По физиономии производит он очень не хорошее впечатл[ение] - сухое; человек видно дельный, все ему некогда, сам работает и по изд[анию] и над своими соч[инениями] и наблюд[ает] за работой других и ... играет на бирже, торгует. Мою повесть он согласился на[стр. 2]печатать не иначе к[а]к с большими сокращ[ениями] (3-ю часть сократить), иначе у него места нет в Сборн[ике]. Я на это не согласился вполне, т[о] е[сть] согласился, чтоб он сократил и прислал мне рукопись - и тогда скажу[,] согласен ли я. Вообще поговорить с ним я не успел к[а]к след[ует], но понял его т[а]к: он пока печалится лишь о своем сборнике и до другого ему почти дела нет, т[о] е[сть] он не видит пока надобности в других книгах. Мое предложение о вашем сборнике рассердило его и он разгоря[стр. 3]чился[:] "Ишь, люди живут за-гран[ицей], не знают сути дела и лезут писать - а ты изволь печатай - счастье! О сектанстве! Выдумали! Чудаки! Тут дал бы бог, чтоб народ хоть по капле привык понимать и интересоваться своей жизнью - а то вдруг ему подай сейчас Гомера и Гете! Еврейская, только евр[ейская] жизнь[,] да к тому и теплая и живая - вот что нужно[,] и т[ак] д[алее].["]

Насчет твоих стих[отворений], Хаим, они ему понравились, но печатать их он не находит по многим прич[инам] удобным. Он хо[стр. 4]чет тебе написать, чтобы ты выслал ему какие у тебя есть произвед[ения], но потом подумал и сказал мне: зачем писать? Ведь вы его друг - напишите ему, что я просил его прислать мне рукоп[иси].

На этом мы и распрощались. Он подарил мне кн[ижку] ["]Библиотеки", котор[ую] пришлю тебе через несколько дней. Через неделю он обещал прислать мне сокращ[енную] рукопись - и тогда выпишу у него все нужные тебе кн[иги]. Пока же возможности не было ни этого взять[,] ни денег просить. Завтра уберусь до дому. Черт их всех побери! Глаза слипаются. Целуйте Мишу. Твой Соломон.

ברייוו 4

קיעוו, דעם 29טן אויגוסט 1889

מײַנע טײַערע!

איך בין נאָר וואָס געקומען אַהיים פֿון שלום ראַבינאָוויטש1) און גלײַך שרײַב אײַך. אָבער איצט איז 11 אַ זייגער בײַ נאַכט, איך בין גאָר מיד (ניט געשלאָפֿן צוויי נעכט און אַדורכגעגאַנגען בערך 20 וויאָרסט), דערפֿאַר שרײַב איך בקיצור.

איך בין הײַנט אַהער געקומען צו פֿאָרן און געווען 2 מאָל בײַ שלום ראַבינאָוויטשן; ביידע מאָל האָב איך בײַ אים פֿאַרבראַכט אַ שעה צײַט. לויט דער צורה מאַכט ער ניט דעם גוטן אײַנדרוק - אַ טרוקענעם; זעט אויס, אַז ער איז אַ מענטש מיט טאָלק, האָט שטענדיק קיין צײַט ניט, אַרבעט אַליין אי ווי אַ פֿאַרלעגער אי איבער זײַנע אייגענע ווערק, האַלט אַן אויג אויף דער אַרבעט פֿון אַנדערע און... שפּילט אויף דער בירזשע, פֿירט מיסחר. מײַן דערציילונג2) האָט ער מסכּים געווען אָפּצודרוקן ניט אַנדערש ווי מיט גרויסע פֿאַרקירצונגען

(צו פֿאַרקירצן אויף אַ דריטל), אַנדערש האָט ער קיין פּלאַץ ניט אינעם זאַמלבוך. איך האָב אויף דעם ניט אינגאַנצן מסכּים געווען, ד.ה. איך האָב יאָ מסכּים געווען, אַז ער זאָל פֿאַרקירצן און צושיקן מיר דעם כּתבֿ-יד – דעמלט וועל איך זאָגן, צי איך בין מסכּים. בכּלל איך האָב ניט באַוויזן צו שמועסן מיט אים ווי ס'דאַרף צו זײַן, אָבער איך האָב אים פֿאַרקשאַנען אַזוי: דערווײלע דאַגהט ער בלויז וועגן זײַן זאַמלבוך און, די אַנדערע זאַכן כּמעט אַרן אים ניט, ד.ה. ער זעט דערווײַל קיין באַדערפֿעניש ניט אין די אַנדערע ביכער. מײַן פֿאָרשלאָג וועגן אײַער זאַמלבוך האָט אים געבראַכט אין כּעס און ער האָט זיך צעהיצט: "סטײַטש, די מענטשן לעבן אין אויסלאַנד, פֿאַרשטײען ניט דעם תּוך פֿון דער זאַך און רײַסן זיך צו שרײַבן – און איך זאָל זיי דרוקן, אַ מזל! וועגן די סעקטאַנטן! אויסגעטראַכט! מאָדנע מענטשן! הלוואי זאָל דאָס פֿאָלק כאָטש אַ קאַפּעלע צווינגען צו פֿאַרשטײן און צו אינטערעסירן זיך מיט זײַן לעבן – און אינמיטן דערינען גיב זיי האָמעראָס און געטע! דאָס ייִדישע, נאָר ייִדישע לעבן, און דערצו אַ וואַרעמס און אַ לעבעדיקס – אָט וואָס דאַרף מען, א.אַ.וו."

וואָס שייך דײַנע לידער, חיים, זײַנען זיי אים געפֿעלן געוואָרן, אָבער אָפּצודרוקן זיי האַלט ער צוליב געוויסע סבות פֿאַר ניט פּאַסיק. ער האָט געוואָלט אָנשרײַבן דיר, אַז דו זאָלסט אים אַרויסשיקן וואָסערע דו האָסט ווערק, אָבער דערנאָך האָט ער אַ קלער געטאָן און געזאָגט מיר: צוליב וואָס דאַרף איך שרײַבן? איר זײַט דאָך זײַן פֿרײַנט – שרײַבט זשע אים, אַז איך בעט אים צוצושיקן מיר די כּתבֿ-ידן.

אויף דעם האָבן מיר זיך געזעגנט. ער האָט מיר געשאָנקען אַ ביכל פֿון דער "ביבליאָטעק"3), וואָס איך וועל דיר שיקן אין עטלעכע טעג אַרום. איך אַ וואָך אַרום זאָגט ער צו צושיקן מיר דעם פֿאַרקירצטן כּתבֿ-יד – און דעמלט וועל איך בײַ אים אויסשרײַבן אַלע ביכער, וואָס דו באַדאַרפֿסט זיי. דערווײַל אָבער ס'איז געווען ניט מעגלעך ניט דאָס צו נעמען בײַ אים, ניט געלט צו בעטן. מאָרטן טראָג איך זיך אָפּ אַהיים. דער רוח זאָל זיי אַלעמען נעמען! די אויגן קלעפּן זיך. גיט אַ קוש מישען4). דײַן שלמה.

-------------------

1) דער שרײַבער שלום-עליכם

2) מסתּמא מיינט אַנסקי זײַן דערציילונג "אין דער ייִדישער משפּחה" (אָדער "געשיכטע פֿון איין משפּחה", וועגן וועלכער ער האָט געשריבן אין די פֿריערע בריוו

3) געמיינט ווערט דער באַנד פֿון דער "ייִדישער ביבליאָטעק"

4) זשיטלאָווסקיס זון

Письмо 5

Дорогой Хаим!

Я только что получил телеграмму что должен немедленно ехать в Россию. Дело это мое чисто личное. Завтра утром уезжаю отсюда. У вас мне нельзя будет остановиться. К[а]к одолжение и милость - прошу упаковать мои книги и привезти на вокзал. Большую часть рукописей оставлю у тебя, пожалуй и книги пусть остаются, только ты и Вера и дети приезжайте на вокзал. Ради Бога не беспокойся, не удивляйся - все это так просто, и так надо.

Твой Соломон.

2 октября [18]92 г[ода]

15-и руб[лей] в Реж. не посылай, отдай Ралле деньги.

בריוו 5

טײַערער חיים!

איך האָב נאָרוואָס באַקומען אַ דעפּעש, וואָס איך מוז תּיכּף פֿאָרן קיין רוסלאַנד1). דאָס איז מײַן ריין פּריוואַטער ענין. מאָרגן אינדערפֿרי פֿאָר איך אַוועק פֿון דאַנעט. איך וועל ניט קאָנען זיך אָפּשטעלן בײַ אײַך. ווי אַ טובֿה און חסד בעט איך דיר אײַנצופּאַקן מײַנע ביכער און צופֿירן זיי אויפֿן וואָקזאַל. דעם גרעסטן טייל כּתבֿ-ידן וועל איך איבערלאָזן בײַ דיר, די ביכער לאָזן זיך אויך בלײַבן, נאָר דו און ווערא און די קינדער קומט אויפֿן וואָקזאַל. למען השם, באַאומרויק זיך ניט, חידש זיך ניט - דאָס אַלץ איז אַזוי פּשוט און אַזוי דאַרף מען.

דײַן שלמה

דעם 2טן אָקטאָבער 1892

די 15 רובלען שיק ניט אין רעזש., גיט אָפּ ראַללי דאָס געלט.

---

1) דער עפּיזאָד איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַנסקיס פּערזענלעכער דראַמע אין זײַנע באַציונגען צו מאַשע רײַנוס, זשיטלאָווסקיס שוועסטערקינד. וועגן דעם זע זשיטלאָווסקיס "אַנסקי", ז. 90-93; סוף כּל סוף איז אַנסקי פֿאַרבליבן אין אויסלאַנד און אַריבערגעאָרן קיין פּאַריס.

9 сентября [18]93 г[ода]. Paris, Rue Berthollet, 16

Дорогие мои!

Не знаю, право, с чего и о чем начать писать. У меня ничего нового и интересного нет, а в Париже теперь такая тишина, что заснуть можно. Впрочем, скоро народ начнет съезжаться и живее станет.

В конце письма, между рукопожатием и желанием "всего хорошего" ты вставил фразу: "Вера нездорова". Вероятно это значит, что она не опасно больна, но тем не менее прошу тебя написать мне, чем она нездорова и как ее здоровье теперь.

Получил я от тебя поклон через Абр[ама] Кагана. Он здесь пробыл недели две и держал две речи. Признаться, сильно разочаровал он меня. Безусловно, он талантливый оратор, но c'est tout! И он не может держаться, к[а]к это говорится - на высоте своего положения. Кроме того[,] [стр.2] он в своих речах гонится за дешевенькими эффектами и вообще держит себя не как "трибун". Я думал, что его успех в том[,] что он властвует над массой, а оказывается, что масса отличает его главн[ым] образом потому, что он умеет подделываться под тон и уровень ее. Ну, кроме того он таки замечательно, образно говорит и владеет виртуозно языком.

По еврейски в рабочем обществе он говорил не дурно, хотя далеко не хорошо, но во второ раз, по русски (в колонии. Отчет о евр[ейском] движ[ении] в Америке) до того скверно, глупо и хвастливо, что досада берет, к[а]к вспоминаешь.

Кстати о разочарованиях: на второй день по получ[ении] твоего письма, я был у П[етра] Л[авровича] [Лаврова]. Зашла речь о Войниче. Я спросил П[етра] Л[авровича], что он за человек."Я [стр. 3] еще одного такого лгуна не знал" ответил П[етр] Л[аврович]. - "Он нам сообщ[ил] некот[орые] днные о Савицком[,] но мы не решились их напеча[та]ть [?]". Зная, к[а]к П[етр] Л[аврович] осторожен в своих отзывах о людях даже крайне противного лагеря, я думаю, что это вполне верно. Увы, брат, в заграничной эмиграции "настоящих русских интеллигентов-революционеров" кажется ни одного не найдешь. Я конечно не говорю о П[етре] Л[авровиче], который недосягаемо высок сравнительно со всеми, кого я знаю здесь и в России. Это в полном смысле слова <u>святая</u> <u>личность</u>.

Пришли пожалуйста карточку детей, а если снялись - и вашу. Я вот и свою на днях пришлю.

Рукописи через Шейн[иса?] я получил, но эти черновики мне [стр. 4] меньше всего нужны. Мне необходимы книги, особенно Спенсер и мой фельетонец ["]Свалился["]. Также нужна черновая "Овцы" (или "Веселенький Пейзаж"). А ты именно этого мне и не прислал. Если б ты мог упаковать в ящик и прислать мне все это по жел[езной] дор[оге] (а если не тяжело[, то] по почте)[,] я был бы тебе признателен. Не забудь вид Обергофена. Если можно, пришли наложенным платежем, а то я пришлю сколько должно стоить, если у тебя денег нет - только пожалуйста, пришли.

Кланяюсь Вере, целую детей. Ваш

Напиши непременно[,] на каком из планов твоего будущего устройства ты остановишься. А что Маркс? Боже мой, что здесь с этим стариком выделывают. Один Бек все ребра ему обломал, силясь вдавить его в прогр[амму] Нар[одной] Воли. Впрочем, Бек, кажется скоро окрестится в соц[иал-]дем[ократы]. Он [?] признает себя

соц[иал]-дем[ократом], но не Плехановцем. Когда-ниб[удь] об этих вопрос[ах] подроб ...? бы я цель чтобы статья твоя была напечатана. Тебя народовольцем признать не хотят и говорят - правда [Парижские] соц[иал-]демокр[аты] - что ты очень смутно Маркса понимаешь. Впрочем, твое имя постоянно соединяется с именем Раппопорта

בריוו 6

דעם 9טן סעפּטעמבער 1893. Paris, Rue Berthollet, 16

טײַערע מײַנע!

כלעבן, איך ווייס ניט פֿון וואָס און מיט וואָס אָנצוהייבן. איך האָב קיין שום אינטערעסאַנטע נײַעס, און אין פּאַריס איז איצט אַזוי שטיל, אַז מען קאָן אַנטשלאָפֿן ווערן. הגם אינגיכן וועט מען זיך נעמען צונױפֿפֿאָרן און ס'וועט זײַן לעבעדיקער.

צום סוף פֿון דײַן בריוו, צווישן דעם אַנטדרוק און ווינטשעווען "אַל דאָס גוטס", האָסטו אַרײַנגעשטעלט אַ פֿראַזע: "ווערא1) איז ניט געזונט". מסתמא מיינט עס, אַז זי איז ניט מסוכן קראַנק, נאָר פֿונדעסטוועגן בעט איך דיר מיר אָנצושרײַבן, מיט וואָס איז זי ניט געזונט און ווי איז איר געזונטהײַט איצט.

איך האָב באַקומען אַ גרוס פֿון דיר דורך אַבֿרהם קאַהאַנען2). ער האָט דאָ פֿאַרבראַכט בערך צוויי וואָכן און געהאַלטן צוויי רעדעס. אָפֿן גערעדט, האָט ער מיך שטאַרק אַנטוישט. בלי ספֿק, ער איז אַ טאַלאַנטפֿולער רעדנער, אָבער און ער קאָן זיך ניט האַלטן, ווי מען זאָגט, אויף דער c'est tout! געהעריקער הייך. חוץ דעם יאָגט ער זיך אין זײַנע רעדעס נאָך די ביליקע עפֿעקטן און בכלל האַלט זיך ניט ווי אַ "טריבון". איך האָב געמיינט, אַז זײַן דערפֿאָלג איז אין דעם, וואָס ער הערשט איבער דער מאַסע, און ווײַזט אויס, אַז די מאַסע טיילט אים אויס דער עיקר דערפֿאַר, וואָס ער קאָן זיך צופּאַסן צו איר טאָן און ניוואָ. נו, אַ חוץ דעם רעדט ער טאַקע וווּנדערלעך, בילדעריש און באַהערשט די שפּראַך ווירטואָזיש.

אויף ייִדיש האָט ער גערעדט אין אַרבעטער-געזעלשאַפֿט ניט שלעכט, כאָטש ווייט ניט גוט, אָבער דאָס צווייטע מאָל, אויף רוסיש (אין דער רוסישער קאָלאָניע, אַ באַריכט וועגן דער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע) איז עס געווען אַזוי שלעכט, נאַריש און באַרימעריש, אַז ס'איז אַ פֿאַרדראָס צו דערמאָנען זיך.

אגבֿ וואָס שייך די אַנטוישונגען: אויפֿן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען דײַן בריוו, בין איך געווען בײַ לאַווראָוון. מע האָט פּאַרפֿירט אַ שמועס וועגן וורניטשן3). איך האָב געפֿרעגט פּיאָטר לאַווראָוויטשן, וואָס פֿאַר אַ מענטש איז ער. "אַזאַ ליגנער האָב איך נאָך ניט געקענט" - האָט געענטפֿערט לאַווראָוו. - "ער האָט אונדז מיטגעטיילט עטלעכע אָנגאַבעס וועגן סאַוויצקין, אָבער מיר האָבן זיך ניט אַנטשלאָסן זיי צו פֿאַרעפֿנטלעכן." היות ווי איך ווייס, ווי אָפּגעהיט לאַווראָוו איז אין זײַנע אָפּרופֿן וועגן די מענטשן אַפֿילו פֿונעם קעגנזײַטיקן לאַגער, האַלט איך, אַז דאָס איז גאַנץ באַרעכטיקט. אַז אָך און וויי, ברודער, אין דער עמיגראַציע קאָן מען, דאַכט זיך, קיין איין אמתן רוסישן אינטעליגענט-רעוואָלוציאָנער ניט געפֿינען. איך רעד, פֿאַרשטייט זיך, ניט וועגן פּיאָטר לאַווראָוויטש, וועלכער איז אומדערגרײכלעך הויך אין פֿאַרגלײַך מיט אַלעמען, וועמען איך קען סײַ דאָ, סײַ אין רוסלאַנד. דאָס איז אין פֿולן זינען פֿונעם וואָרט אַ הײליקע פּערזענלעכקייט.

שיק מיר ביטע צו אַ פֿאָטאָ-קאַרטל פֿון די קינדער, און תּומר איר האָט זיך פֿאָטאָגראַפֿירט, טאָ אײַערס אויך. איך וועל אײַך די טעג אוועקשיקן מײַנס.

מײַנע כּתבֿ-ידן האָב איך דורך שיינ יס? 4) געקראָגן, אָבער די דאָזיקע שוואַרץ-וואַריאַנטן דאַרף איך אַוועקשיקן. איך באַדאַרף ביכער, קודם-כּל ספּענסער און מײַן פֿעליעטאָנדל "אַראָפּגעפֿאַלן". איך דאַרף אויך האָבן דעם שוואַרץ-וואַריאַנט פֿון "די שעפּסן" (אָדער "אַ פֿרײלעכער פּייסאַזש"). און דווקא דאָס האָסטו מיר ניט צוגעשיקט. וואָלטסטו געקאָנט דאָס אַלץ אײַנפּאַקעווען אין

אַ קאָסטן און צושיקן מיר מיט דער באַן (און אויב ס'איז ניט שווער, מיט דער פּאָסט), וואָלט איך געווען דיר דאַנקבאַר. פֿאַרגעס ניט אָן דאָס בילד פֿון אָבערהאָפֿן. אויב עס איז מעגלעך, שיק עס מיר מיט נאָכצאָל, אָדער איך וועל דיר צושיקן, וויפֿל ס'דאַרף קאָסטן, תּומר האָסטו ניט דאָס געלט - נאָר שיק עס ביטע צו.

אַ גרוס וועראַן, כּוש די קונדער, אײַער שלמה

שרײַב מיר אומבאַדינגט, אויף וועלכן פּון די פּלענער פֿון דײַן אײַנאָרדנונג אויף להבא ווערסטו זיך אָפּשטעלן. וואָס הערט זיך מיט מאַרקסן? גאָט מײַנער, וואָס טוט מען דאָ מיט דעם זקן. בעק אַליין האָט אים געבראָכן אַלע ריפּן, באַמיענדיק זיך אַרײַנצוקוועטשן אים אין דער פּראָגראַם פֿון "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". הגם בעק, דאַכט זיך, וועט באַלד זיך אָפּטרפֿן אין די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. ער האַלט זיך פֿאַר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, נאָר ניט פֿאַר אַ פּלעכאַנאָוויעץ. אַ מאָל וועל איך אָנשרײַבן וועגן דעם באריכות. דאָס זיל איז, אַז מע זאָל אָפּדרוקן דײַן אַרטיקל. מען וויל דיך ניט אָנערקענען פֿאַר אַן נאַראָדאָוואָליעץ און זאָגט - אמת, די פּאַריזער סאָציאַל-דעמאָקראַטן - אַז דו פֿאַרשטייסט מאַרקסן זייער אומקלאָר. הגם, ווערט דײַן נאָמען תּמיד פֿאַראײַניקט מיט דעם נאָמען פֿון ראַפּאָפּאָרט5).

---------------------------

1) ווערא לאָכאָווא, זשיטלאָווסקיס ערשטע פֿרוי.

2) אַבראַם קאַהאַן באַשרײַבט זײַן וויזיט אין פּאַריס און זײַנע באַגעגעניש מיט לאַווראָוון אין זײַנע זכרונות "בלעטער פֿון מײַן לעבן", ב.1, ז.342-344, נ.י. 1926.

3) ווילפֿריד מיכאַל וואָיניטש (Wojnicz), פּוילישער רעוואָלוציאָנער, דער מאַן פֿון דער שרײַבערין עטעל ליליאַן וואָיניטש.

4) שײַניס און בעק ווערן דערמאָנט אין פֿאַרבינדונג מיט אַנסקי אינעם בוך פֿון געוועזענעם פּאָליצײ-שעף אַ. ספּירידאָוויטש "די פּאַרטיי פֿון סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און אירע פֿאָרגייערס", ז. 45-46, פּעטראָגראַד, 1918 (А.И.Спиридович, Партия социалистов-революционеров и ее предшественники, Пг. 1918) לויט דעם מקור, האָבן זיי אַלע באַטייליקט אין דער אַרויסגאַבע פֿון דער צײַטונג "רוסישער אַרבעטער" ("Русский рабочий").

5) חנן אָדער שאַרל ראַפּאָפּאָרט (1883-1940) (פּאַרטייִשער פּסעוודאָנים יוסיף) איז געווען אַן אַקטיווער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, שפּעטער געוואָרן וויכטיקער טוער אין פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

[Письмо 7]

7/II 1900

Дорогие мои. Пишу только пару слов, к[а]к ты просила[,] уж очень я разбит от всего. Что писать? Скончался он спокойно и почти до конца не терял сознания. Я не отходил от него почти все время болезни - а при его смерти меня не было. Никто не ждал так быстро конца[;] мне это тем больнее, что за 10 минут до смерти он два раза позвал меня. Вообще со мною он особенно трогательно прощался, прикладывал мою руку к губам, и за неск[олько] часов до смерти сказал мне: "Мой завет вам: живите хорошо. Кончается, кончилсь моя жизнь." - Теперь он лежит величественный и прекрасный среди цветов - и на его челе столько спокойной мысли и неземной красоты.

Похороны будут в воскресенье. Будут грандиозные. Фр[анцузская] раб[очая] партия взяла их под свое покровительство. Ждем делегации из всех стран. Телеграфировал в рус[ские] газеты - но пропустят ли - не знаю. Мария Петровна бодра и выказывает замечательную силу. Ее до слез тронули ваши и других телеграммы из Берна. Особенно последняя от студентов-социалистов. Обнимаю Вас[,] Семен.

Вера все еще в больнице. О смерти П[етра] Л[авровича] узнала она из газет сегодня и с нею был такой ужасный кризис, что еще не оправилась.

בריוו 7

דעם 7טן פֿעברואַר 1900

מײַנע טײַערע. איך שרײַב אײַך נאָר אַ פּאָר ווערטער, ווי דו האָסט מיך געבעטן, אַזוי בין איך צעבראָכן פֿון דעם אַלץ. וואָס קאָן איך שרײַבן? ער1) איז נפֿטר געוואָרן רויִק און כּמעט ביזן סאַמע סוף איז געווען אין באַוווסטזײַן. איך בין נישט אַוועקגעגאַנגען פֿון אים כּמעט די גאַנצע צײַט פֿון זײַן קראַנקהײַט - נאָר בײַ זײַן פּטירה בין איך נישט געווען. קיינער האָט נישט דערוואַרט דעם סוף אַזוי גיך; מיר טוט עס אַלץ מער וויי, וואָס 10 מינוט פֿאַר זײַן טויט האָט ער צוויי מאָל מיך גערופֿן. בכלל האָט ער מיט מיר געזעגנט באַזונדערס רירעוודיק, ער האָט צוגעלייגט מײַן האַנט צו די ליפּן, און עטלעכע שעהן פֿאַר דער פּטירה האָט מיר געזאָגט: "מײַן צוואה אײַך: לעבט גוט. ענדיקט זיך, אויס איז מײַן לעבן." איצט ליגט ער אַ מאַיעסטעטישער און וווּנדערשיינער אינמיטן די בלומען - און אויף זײַן שטערן ליגט רויִקער געדאַנק און ניט-ערדישע שיינקײַט.

די לוויה וועט זײַן זונטיק. עס וועט זײַן גראַנדיעז. די פֿראַנצייזישע אַרבעטער-פּאַרטיי האָט זי גענומען אונטער איר פֿליגל. מיר דערוואַרטן דעלעגאַציעס פֿון אַלע לענדער. איך האָב טעלעגראַפֿירט אין די רוסישע צײַטונגען, נאָר בין נישט זיכער, אַז מען וועט עס דורכלאָזן. מאַריאַ פּעטראָוונאַ2) איז קרעפֿטיק און ווײַזט אויס וווּנדערלעכע שטאַרקײַט. איר האָבן גערירט ביז טרערן אײַערע און אַנדערעס טעלעגראַמען פֿון בערן. ספּעציעל די לעצטע, פֿון די סטודענטן-סאָציאַליסטן. איך נעם אײַך אַרום, סעמיאָן.

ווער3) איז אַלץ נאָך אין שפּיטאָל. וועגן לאַווראָווס פּטירה האָט זי זיך דערוווּסט הײַנט פֿון די צײַטונגען, און ס'איז געטראָפֿן מיט איר אַזאַ שרעקלעכער קריזיס, אַז זי איז נאָך נישט געקומען צו זיך.

---

1) לאַווראָוו

2) לאַווראָווס פֿרוי

3) אַנסקיס פּלעמעניצע, וועלכע איז געקומען אין פּאַריס צו הײלן זיך.

[Письмо 8]
9 марта 1900.
Дорогой мой.

Что же, прекрасно. Даже немножко жутко. Но ведь и Цезарю и Наполеону вероятно было немного жутко[,] когда они с одного маху забирали целое царство. О чем[-]то подобном, т[о] е[сть] о жуткости быстрых побед, мерещится мне, где[-]то что[-]то даже в Талмуде есть. Надо, кажется, бросить что-то в море. Только бы рыба не вынесла обратно.

В общем, все[-]таки, победа с некоторыми эклипсами. Соск[ина] мне мало жаль. Я его не знаю как человека дела - и не знаю[,] мог ли бы он прибав[ить] что или нет. А Гольденберга жаль, очень даже жаль. Будем надеяться, что время, врач всяких недугов, и его нам вернет, как оно обратило к нам уже некоторых[стр. 2] неверов. Подробно писать теперь, дорогой мой, совсем не могу. Обнял бы я тебя, м[ожет] б[ыть] поплакал бы, такое у меня <u>ужасное</u> состояние. У жены уже третий день истерики и я истрепался в этих нервных ваннах до ужаса. Ну, брат, говорят дыбы там были, на кол сажали - не верь, все это шоколад был[,] а вот нервные жены - это реальный факт. Верю. Ай, Хаим[,] верю!!

Ну, черт с ними[,] с нервами! Получил я из Рос[сии] для вас книгу и тотчас переслал Вере. Она[,] вероятно[,] тебе об этом написала.

Товарищу записку передал вчера. Завтра буду у него и подробно поговорим о делах. Тогда напишу.[стр. 3]

Хаим, мне деньги до того нужны, что хоть караул кричи. Напиши мне, голубчик, когда приблизительно ты сможешь выслать 180 fr. И... и если бы ты мог какими[-]нибудь путями (конечно, только честными, а то не забудь Р[убанови?]ч бодрствует!) - достать мне да... ну до июля 300 fr! Ой, Хаим[,] di fiss vachen und di vasser trinken! Af maine idiche nemoness. Всу что угодно! Политич[еский] Фольк[лор] - так П[олитический] Ф[ольклор][;] скажут надо кухонную книгу или историю доисторического человечества - я и это напишу. Ибо, ибо, Хаим, я женат!

**אָי, חיים, ביטער און פינשטער איז מיר מיט מיין געלעכטער. איך לאך מיט בלוט. וועלכער שווארץ יאהר האט מיך געשלעפט פֿארין ווידיל אונטער דער חופה? אדרבה זאג דו!**

[стр. 4]Ну, впрочем, шутки шутками. Если только будет у тебя к[акая-] н[ибудь] возможность - ради бога, на какой угодно срок (если не как аванс на работу). Я скоро начну работать на выставке (место в 300 fr. в м[еся]ц) буду занят весь день.

Горячо обнимаю тебя[,] родной. А на мои тхинес et кинес не обращай внимания - перемелется[,] дрянь будет. Ничего, выкарабкаюсь. Знаешь анекдот. Amgoorez, ешувник-сын сообщает отцу в ужасе слух, что "Мешиах идет!" - Отец - утешая: "Ай, мой сын. Был Гаман, мы от него избавились - избавимся и от мешиаха[."]

Обнимаю тебя. Твой Семен. Пиши, родной, поскорей. Ради Бога.

**בריוו 8**

**מײַן טײַערער.**

**נו וואָס, ס'איז וווּנדערלעך. און אַפֿילו אַ ביסל שרעקלעך. נאָר מסתמא ס'האָט צעזאַרן און נאַפּאָלעאָנען אויך אַ ביסל געשרעקט, ווען זיי האָבן מיט**

אײַך מאָל האָבן פֿאַרכאַפּט אַ גאַנצע מלכות. מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז דאָ עפּעס איך תלמוד װעגן דעם, ד.ה. װעגן דער סכּנה פֿון די גיכע ניצחונות. מען דאַרף אַרײַנװאַרפֿן עפּעס איך ים אַרײַן - אַבי נאָר דער פֿיש זאָל עס ניט צוריקברענגען.

איך גאַנצן איז עס דאָך אַ נצחון, כאָטש מיט געװיסע ליקוים[1]. װאָס שײך סאָסקינען, איז דאָס מיר ניט קײן גרױסע אבֿדה. איך קען אים ניט װי אַ זאַכלעכן מענטשן, און װײס ניט, צי ער װאָלט געקאָנט עפּעס צוגעבן צי ניט. אָבער גאָלדענבערג[2] איז טאַקע אַ שאָד, אַ גרױסער שאָד. לאָמיר האָפֿן, אַז די צײַט, דער בעסטער דאָקטאָר, װעט אים אונדז אומקערן, אַזױ װי זי האָט אונדז צוריקגעקערט שױן אײניקע זײַט 2 ניט-גלױביקע. מײַן טײַערער, אױף צו שרײַבן דיר פּרטמדיק האָב איך איצט קײן מעגלעכקײַט ניט. װאָלט איך דיר אַרומגענומען, אפֿשר געװײנט, איך אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד בין איך. מײַן פֿרױ[3] האָט די אָנפֿאַלן פֿון היסטעריקע שױן דעם דריטן טאָג, און איך בין אױסגעמאַטערט איך די דאָזיקע נערװן-װאַנעס ביז גאָר שרעקלעך. נו, ברודער, מען דערצײלט װעגן די פּײַניקונגען, אױפֿזיצן אױפֿן פּלעקן - גלױב ניט, דאָס איז אַלץ צוקערלעך, נאָר די נערװעזע פֿרױען - דאָס איז אַ רעאַלער פֿאַקט. איך גלױב, אױ חיים, גלױב איך!!

נו, רוח זאָל זײ נעמען, אָט די נערװען! איך האָב באַקומען פֿאַר אײַך אַ בוך פֿון רוסלאַנד און גלײַך אַריבערגעשיקט װעראַן. זי האָט דיר װעגן דעם, אַ פּנים, אָנגעשריבן.

דעם חבֿר האָב איך נעכטן איבערגעגעבן דאָס צעטל. מאָרגן װעל איך זײַן בײַ אים און מיר װעלן פּרטמדיק אַרומרעדן די זאַכן. דעמלט װעל איך דיר אָנשרײַבן.

חיים, איך דאַרף געלט אַזױ דרינגנדיק, כאָטש שרײַ געװאַלט. שרײַב מיר אָן, טײַערער, װען אַן ערך װעסטו קאָנען אַרױסשיקן 180 fr. און װען נאָר דו װאָלסט געקאָנט מיר קריגן אױף װאָסער ניט איז אופֿן (נאָר ערלעך, פֿאַרשטײט זיך, פֿאַרגעס ניט, אַז רובאַנאָװיטש ? [4]) איז אױף דער װאַך!) - נו, קריגן ביז יולי 300 fr.! אױ, חיים, di fiss vachen und di vasser trinken! Af maine idiche nemoness. אַלץ װאָס דו װילסט! פּאָליטישער פֿאָלקלאָר - זאָל זײַן פּאָליטישער פֿאָלקלאָר, דאַרף מען אַ קולינאַר-בוך אָדער די געשיכטע פֿון דער פֿאַרהיסטאָרישער מענטשהײַט - װעל איך דאָס אױך אָנשרײַבן. װאָרן, חיים, איך בין אַ באַװײַבטער!

אױ, חיים, ביטער און פֿינשטער איז מיר מיט מײַן געלעכטער. איך לאַך מיט בלוט. װעלכער שװאַרץ יאהר האט מיך געשלעפּט פאַרין װײדיל אונטער דער חופּה? אדרבה זאג דו!

נו, ניט אױף קאַטאָװעס - אױב נאָר װעסטו געפֿינען אַ מעגלעכקײַט, בעט איך דיר, אױף װאָסער ניט איז טערמין (אױב ניט װי אַן אַװאַנס פֿאַר דער אַרבעט). איך װעל אײַנגיכן אָנהײבן אַרבעטן אױף דער אױסשטעלונג[5] (אַ שטעלע מיט 300 fr. אַ חודש) און װעל זײַן פֿאַרנומען דעם גאַנצן טאָג.

איך גריס דיך הײס. לײג ניט קײן אַכט אױף מײַנע תחינות און קינות, עס װעט זיך אַלץ אײַנאָרדענען. נישקשה, איך װעל זיך אַרױספּלאָנטערן. דו װײסט אַ װיץ: אַן עם-הארץ, ייִשובֿניקס אַ זון זאָגט, איך שרעק, דעם פֿאָטער אַ קלאַנג, אַז "משיח קומט!" - דער פֿאָטער באַרויִקט אים: "אײַ, מײַן זון, ס'איז געװען אַ מאָל דער המן, מיר זײַנען פֿון אים פּטור געװאָרן - װעלן מיר פּטור װערן פֿון משיח אױך."

איך נעם דיך אַרום. דײַן סעמיאָן. שרײַב, טײַערער, װאָס גיכער, אום גאָטס װילן.

---

1) מסתמא מײנט אַנסקי די גרינדונג פֿון דער אַגראַר-סאָציאַליסטישער ליגע, װעלכע איז שפּעטער אַרײַן איך דער פּאַרטײ פֿון סאָציאַליסטן-רעװאָליוציאָנערן. ער איז געװען אײנער פֿון די אַקטיװיסטן פֿון דער ליגע איך פּאַריס גלײַך נאָך דער לװיה פֿון לאַװראָװ, אױף װעלכער האָבן זיך צונױפֿגעפֿאָרן רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן פֿון פֿאַרשײדענע לענדער; װי שרײַבט װיקטאָר טשערנאָװ, "דער טרױער נאָך לאַװראָװן איז געװאָרן דער טרױף-

פֿאָטער פֿון אונדזער "אַגראַר-סאָציאַליסטישער ליגע"" (ייִדישע טוער אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, ז. 63, נ.י. 1948)

2) דוד סאָסקין און לאַזאַר גאָלדענבערג האָבן דעמלט געלעבט אין לאָנדאָן און האָבן באַטייליקט אין די רוסישער רעוואָליציאָנערער טעטיקייט. סאָסקין איז שפּעטער אַרײַן אין דער "ליגע" (מ.מ. ראָזענבאַום, ערינערונגען פֿון אַ סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, ב. 2, ז. 143, 187, נ.י. -וואַרשע, 1924)

3) וועגן אַנסקיס חתונה מיט זשאַנע און זייער פאַמיליע-לעבן, וואָס האָט געדויערט ניט לאַנג, שרײַבט טשערנאָוו, זע "ייִדישע טוערס", ז. 74-79.

4) איליאַ רובאַנאָוויטש, באַוווסטער סאָציאַליסט-רעוואָליציאָנער.

5) אַנסקיס אחריות איז געווען פאַנאַנדערצונעמען און אײַנצופּאַקן די זאַכן אינעם רוסישן אָפּטייל אויף דער אַלטוועלטלעכער אויסשטעלונג אין פּאַריס. פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אָנגעשטעלט רוסישע סטודענטן און עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געניצט די דאָזיקע מעגלעכקײַט כּדי אַריבערצושיקן די רעוואָלוציאָנערישע צײַטונגען קיין רוסלאַנד. זע ראָזענבאַום, ערינערונגען, ב. 2, ז. 156-157.